## ישראל שטערן

# הושענא!

העלף,
אַז מענטש זאָל זיין מיט מענטש אַרומגענומען
(און אין געטרייקייט גלאַנצען) ווי אַ זילבערנער רייף.

העלף,
אַז ווי אַ פרוי האָט לאַנג אין איהר קינדישען האַרץ
געטראָגען דעם שוידער פון איינזאַמקייט־טעג
ביז איינמאָל ווייס זי: דורך איהר קערפּער שטראָמט
וואַר׳מע בליהענדע גאָט־עהנליכקייט,
און זי געהט און געהט ווי דער פריהמאָרגען דורך גראָזען,
געהט ווי זון און ווי ווינד צו דער וואונדערהיים דאָרט,
וואו עס וואַרט דער, וואָס ליכט ביי איהר אין געווייז,
און ברענגט מיט זיך עדות, ווי אונענדליך זיינע
זי איז —: צאַרטע הייסע נעגעלער־בלומען,
נעגעלער־בלומען,
אַזוי זיס־ריח׳דיג, פער׳שכור׳ט און רויט,
זאָל דאָס בלוט פרעהליך שלאָגען אין שליף פון אַ מענטש.
אַ גרייטע מתנה פאַר אַנ׳אַנדערען מענטש.

העלף,
אַז מענטש זאָל זיין מיט מענטש אַרומגענומען
(און אין געטרייקייט גלאַנצען) ווי אַ זילבערנע רייף.

און העלף, אַז יענע
וואָס שמירען שטריק מיט גליטשיגער זייף,
זאָל זיי די תליה וואויל בעקומען.

זאָלען זיי דערהערען אין שטאָק־זויסטע נאַכט,
וואָס פערקלעמט זייער טרוים ווי אייזערנע רייף:
שעכט איך איף כשר און שעכט איך אויף טריף.
מיט קוילען, מיט גאַזען, מיט שטראַהלען,
אין אייערע אָרעמס וועט קיינמאָל נישט פאַלען
ווי אַ שענע געליבטע די וועלט.

# הושענא!

הײַנט (וואַרשע, 1908–1939)

27, נומ' 221, סעפּטעמבער 30, 1934, ז' 6